# תורת יואל

גליון מס' 33

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת אחרי-קדושים תשפ"ה



## וידבר ד' אל משה לאמר וגו', ואמרת אליהם קדושים תהי' כי קדוש אני ד' אלוקיכם.

אין **מדרש ילקוט** שטייט, דער באשעפער זאגט, **אם מקדישים אתם את עצמיכם**: אויב ווען די אידן זיך אליינס הייליגען, **מעלה אני עליכם כאילו קדשתם אותי**: וועל איך עס רעכענען ווי גלייך די אידן האבן מיך מקדש געווען, פרעגט דער מדרש: **או אינו?** אפשר איז השי"ת מקודש נאר אויב די אידן זענען אים מקדש, קומט דער פסוק זאגן **כי קדוש אני**: השי"ת איז הייליג סייווי, סיי אויב די אידן זענען אים מקדש און סיי אויב חלילה נישט, <u>וצריך ביאור</u>: דער מדרש דארף א שטארקן ביאור.

דער רבי זי"ע ברענגט צו א טייטש פון זיין זיידע, דער הייליגער **ישמח משה** אין פרשת ראה, **ראה נתתי לך ברכה וקללה**, זאגט דער מדרש ברכה וקללה למה נאמר? **לפי שנאמר את החיים ואת המות נתתי לפניך הברכה והקללה**, שמא יאמר: קען דאך א מענטש טראכטן אויב השי"ת גיטביידע אפציעס, קען איך זיך אויסוועלן סיי וועלכע, זאגט דער פסוק: **ובחרת בחיים**, ע"כ המדרש.

איז דער **ישמח משה** מבאר די מדרש, אז השי"ת האט באשאפן די וועלט, **כדי שיתגלה כבוד מלכותו**, עס זאל גרויס ווערן און באקאנט ווערן זיין הייליג נאמען, און דאס קען געשען אויף ביידע אופנים, סיי ווען השי"ת איז מטיב - טוט גוטס מיט די מענטשען, ווערט ער געלויבט, און אויך ווען ער שטראפט חלילה, זעהט אויך יעדער אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, אויב אזוי קען דאך א מענטש טראכטן, און אויסקלויבן דעם שלעכטן וועג, און ווען ער ווערט בשטראפט וועט השי"ת נאמען אויך ווערן דערהויבן, ווענן דעם שטייט **ובחרת בחיים**, זאלסט אויסקלויבען דעם גוטן וועג, דעם **דרך החיים**.

מיט די הקדמה איז דער רבי מפרש דעם מדרש ילקוט - **אם מקדישים אתם את עצמיכם**: אויב וועט איר זיך הייליגען מיט תורה ומצות - <u>ווייל קיום התורה והמצות איז גורם כבוד שמים</u> - און דאס איז דער גרעסטער כבוד שמים, ווייל עס קומט דורך די <u>מעשים טובים פון די אידן</u>, משא"כ כבוד שמים וואס קומט דורך א עונש, דאס קומט נישט פון די אידן, עס קומט משמים אלס א עונש, און ווענן דעם דארף א איד אויסוועלן דעם גוטן וועג.

אמנם, זאגט ווייטער דער מדרש, זאלסט נישט מיינען אז השי"ת ווערט נאר מקודש אויב די אידן זענען אים מקדש מיט מעש"ט, **תלמוד לומר כי קדוש אני**: השי"ת איז הייליג סייווי, ובין כך ובין כך מתעלה כבוד מלכותו יתברך, סיי אויב די אידן זענען אים מקדש מיט תורה ומצות, און סיי אויב חלילה דורך א עונש, והבן.

# א בינטעל זכרונות

**הרה"ח ר' מרדכי ווירצבערגער הי"ו**

ר' מרדכי פרישט אויף זיין זכרון, פון איבער 50 יאר צוריק, ווען ער איז געקומען דאס ערשטע מאל קיין אמעריקע נאך אלס בחור, צו לערנען אין רבי'ן'ס ישיבה, **בין פסחא לעצרתא תשל"א**.

פארן ארויספארן איז ער געגאנגען זיך געזעגענען ביי **הרה"צ רבי משה ארי פריינד זצ"ל**, שפעטערדיגער **ירושלימער רב**, דאן געווען ראש ישיבה אין סאטמאר ירושלים, ביים געזעגענען פרעגט אים רבי משה ארי': נאכוואס פארסטו? ענטפערט ר' מרדכי, איך בין דאך א סאטמארער תלמיד, איך וויל קענען דעם סאטמארער רבי'ן, רבי משה ארי' געט א מאך מיט די האנד, און זאגט: **דעם סאטמארער רבי ווערסטו קיינמאל נישט קענען**, (געמיינט צו זאגן, אז דער רבי איז אזוי גרויס און הייליג, ס'איז נישט מעגליך אים צו קענען).

אנקומענדיג קיין ניו יארק, איז ר' מרדכי געפארן די ערשטע געלעגענהייט קיין בעלל-הארבאר שלום נעמען פון רביה"ק, ס'איז געווען א יום הקריאה און האט **גומל געבענטשט** ביים רבי'ן'ס מנין, ר' מרדכי האט אינזין געהאט צו פרעגן דעם רבי'ן אויב ער זאל האלטן צוויי טעג יו"ט, דעם קומענדיגען שבועת, ער איז זיכער **דעתו לחזור**, ווייל די עלטערן זיינע וואוינען אין בני ברק.

אריינקומענדיג צום רבי'ן, דער רבי לייענט דעם קוויטל, און פרעגט אויס ווער זיינע עלטערן זענען, גלייך גיט דער רבי א זאג, **דו האסט דאך א ברודער דאהי**, (ר' וואלף ז"ל) און איידעם ביי ר' שמחה ארגעל, און גיט א בליץ מיט די אויגען, **מן הסתם ווערסטו אויך דא בלייבן וואוינען**, אזוי אז נאך פאר ער האט געהאט א געלעגענהייט צו פרעגן, האט שוין דער רבי געפסקנ'ט, דער גרעסערער חידוש איז געווען אז רביה"ק - שוין נאכן סטראוק - האט געדענקט אז דער בחור'ל האט אן עלטערער ברודער דא אין וויליאמסבורג, זכותו יגן עלינו.

# ידיעות קאלום

**מנהג**
**טעמו**
**ומקורו**

## מנהג:
## ווען ציילט מען ספירה? (המשך)

הגרא"ח נאה אין א מכתב גיט א שיינעם הסבר, פארוואס מ'ציילט יא פאר עלינו, און ער רעכנט אויס כמה דוגמאות, חנוכה ליכט צינד דער שמש פאר עלינו, מגילה לייענט מען פאר עלינו, קינות זאגט מען פאר עלינו, לדוד מזמור ר"ה ביינאכט זאגט מען פאר עלינו, וכדו', כאטש די אלע תפילות האבן נישט א דירעקטע שייכות מיט מעריב, אבער מען האט מסדר געווען פאר עלינו ווייל די תפילה פון עלינו לשבח איז דער מכה בפטיש, ווייל דער שבח פון "שלא עשנו ככל כגויי הארצות" דאס איז נועל די תפילה.

און **שו"ת רבבות אפרים** גיט א הסבר, אויף דעם משנה ברורה וואס זאגט כל מה דאפשר מקדמינן, ווייל באמת וואלט מען געדארפט ציילן גלייך ביים צאת הכוכבים, כדי ס'זאל זיין תמימות, נאר מיר דאווענען מעריב און קרי"ש של ערבית קודם, ווייל די מצוה פון קרי"ש איז תדיר א גאנץ יאר, וועגן דעם פסקנ'ט דער משנ"ב אז מ'זאל ציילן קודם סיום התפילה, כדי מקדים צו זיין וואס נענטער צו צאת.

און **שו"ת קב החיים** (הג"ר חיים צבי עהרענרייך אב"ד מאד) שרייבט אז דער מנהג דא אין שטאט איז צו ציילען נאך עלינו, און דער מנהג איז נאך פון די צייט פון מיין שווער דער **קול ארי'**, וואס איז לכאורה קעגן משמעות השו"ע, און פרובירט צו פארענטפערן דעם מנהג, אזוי ווי מען דאוונט דא מעריב זייער פרי, און כדי ס'זאל זיין תמימות, זאגט מען עלינו קודם אז די ספירה זאל זיכער זיין נאך צאת הכוכבים.

המשך בשבוע הבא אי"ה

פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com